Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Seyfer zikhroyneṡ

Psantir, Iacob
פסנתר, יעקב

Buḳareshṭ, 650 = 1889

Anrede

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

זעהר געעהרטער הערר!

דאס געגענוועַרטיגע ביכעל איז א פּראָדוקט פֿין א 70יעהריגען אַלטען מאַן וואס ער שיקט דאס פֿאַר א נעטיזנע צום גיזעגנען זיך פֿין דיא פֿערלעבטע ביטטערע טעג.

נאָך א 30יעהריגער שווערער פּלאָגע, מיינע יודישע ברידער אין רומעניען שטאַף צי ליעפֿערן פֿאַר זייער געשיכטע אין דעם היעגען לאַנד וויא איך בין גיבוירען, נאָך דעם געלינגען פֿין מיין היסטאָרי־שער זאַממלונג וואס איך האָב פֿערעפֿפֿענטליכט אין 2 ביכער אין פֿאַרגעלעגט דער געלעהרטען וועלט, האָב איך מיינע איבריגע לע־בענס־יאהרע דעם פֿעראיינסוועזען געווידמעט אין גאַנץ בעזאָנדערס דעם פֿעראיינע וואס איך בין איינער פֿין דיא וואס האָבען איהם אינס לעבען גערופֿען, דאס איז דער פֿעראיין צ ו ר  ג ר י נ ד ו נ ג  פֿ י ר  א י י ן  א ז י ל  פֿ י ר  א ל ט ע  ל י י ט „בתי מחסה לזקנים״. —

דאס א ז י ל איז ענטשטאַנדען, זיינע מויערן וואס איך האָב מיך אַרים זייא געפּלאָגט שליעסען מיך אַצינד איין; דאס הויז געווינט פֿין טאָג צי טאָג מעהר קראַפֿט, איך ווער עלטער אין שוואַכער; דאס אינסטיטוט בליהט אין זעהט נאָך א שענערע צוקונפֿט אַקעגען, איך פֿער־בליהע אין זעה דיא העלפֿט פֿין מיין זעהעקראַפֿט דרינען פֿערלוירען.

איך האָב געפֿיהלט אין מיר אַ דראַנג, איך זאָל, בעפֿאַר איך הער אויף גענצליך צו זעהען, דיא געשיכטע פֿין דעם אינסטיטוט אין פֿין דיא וואס ווערדען דאַרין בעהויזט פֿאַר דער נאַכוועלט בעשרייבען.

א דאס ווערק וואס ליעגט פֿאַר אייך ענטהאַלט דיא בילדער וואס איך האָב זייא געקריצעלט מיט מיינע בלינדע אויגען, אַלס בעשרייבונג פֿין דעם ענטשטעהען אין בעשטעהען פֿין דער גענאַננטער אַנשטאַלט.

בעטראַכטעט דאס, איך בעט אייך מיין הערר, פֿאַר איין אָרמער ירושה פֿין איין אַלטען אָבגעמאַטטערטען מאַנן וואס האָט זיך צי טויט געפּלאָגט פֿאַר אַללגעמיינע יודישע אינטערעססען, אין רעכינט אייך איין דיא גאַבע וואס איהר גיבט פֿאַר דעם ווערק פֿאַר א מיטליידיגען ביי־שטייער צי דער ערהאַלטונג פֿין עטליכע איבערפֿליססיגע יאָהר פֿין דעם פֿערפֿאַססער וואס צייכענט זיך אייך טיעף ערגעבען

**יעקב ב״ר אשר זעליג פסנתר**

בוקאַרעשט בירח שבט תרין לפ״ק

אדרעססע: א. שטיינבערג קאַלעא וואַקארעשט, 24, בוקאַרעשט, פֿיר יעקב פסנתר